א. ליריק

## 24. אַלע וואַסערלעך פֿליסן אַוועק




אַלע וואַטערלעך פֿליסן אַוועק,
די גריבעלעך בלײַבן לײדיק.
ניטאָ אַזאַ מענטש אויף גאָר דער וועלט
וואָס זאָל פֿאַרשטיין מײַן ווייטיק.

די יאָרעלעך ציִען, די יאָרעלעך פֿליִען,
די צײַט גייט אַוועק ווי ווינט,
און אַז איך דערמאָן זיך אָן דיר,
[מײַן זיס-לעבן,
גייט מיר אויס דער כּוח.

און אַז אַ מיידעלע שפּילט אַ ליבע,
שפּילן אין איר אַלע פֿאַרבן.
און אַז זי שפּילט איר ליבע ניט אויס,
קאָן זי חלילה נאָך שטאַרבן.

און אַז די טעפּעלעך טריקענען אויס,
בלײַבן זיי אַלע ליידיק
און אַז אַ מיידעלע פֿירט איר ליבע
[ניט אויס,
ווערט זי פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק.



פֿון: די גאָלדענע פּאַווע. ייִדישע פֿאָלקסלידער. געזאַמלט און רעדאַקטירט
פֿון משה גורלי, משה ביק און גדעון אלמגור (חיפֿה, 1970).